**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/3/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 200 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג צו באקומען פאר שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו און NY FORWARD פראגראמען

***סטעיט'ס צוויי אונטערשריפט דאונטאון אויפלעבונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג פראגראמען האבן געשאנקען 1.2 ביליאן דאלער פינאנצירונג פאר 151 קאמיוניטיס***

***צו קענען באקומען DRI אדער NY Forward פינאנצירונג, מוזן לאקאלן אדער אריינגעבן א בריוו פון פלאן אדער זיין פרא-האוזינג סערטיפייד איידער דעם אפליקאציע און זיין גענצליך סערטיפייד איידער מען מעלדט די געשאנקען***

***אפליקאציע דארפן ווערן אריינגעשיקט ביז נאוועמבער 7, 2025, 4:00 נאכמיטאג דורך די CFA פארטאל***

גאווערנער Hochul (האקול) האט היינט געמאלדן אז 200 מיליאן דאלער פינאנצירונג איז אוועילעבל דורך די סטעיט'ס צוויי אונטערשריפט דאונטאון אויפלעבונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג פראגראמען - 100 מיליאן דאלער פאר יעדע איינע פאר רונדע 9 פון די דאונטאון אויפלעבונג איניציאטיוו ( Downtown Revitalization Initiative, DRI) און רונדע 4 פון די NY Forward פראגראם, וואס פאקוסירט אויף אויפלעבן קלענערע און דארפישע דאונטאון'ס. צוזאמען, האבן די צוויי פראגראמען געשאנקען 1.2 ביליאן דאלער פינאנצירונג פאר 151 קאמיוניטיס אין יעדע ראיאן פונעם סטעיט. מען קען באקומען אפליקאציעס דורך די סטעיט'ס פאראייניגטע געלטער אפליקאציע פארטעל ( Consolidated Funding Application Portal). די דעדליין צו זיך איינגעבן איז נאוועמבער 7, 2025, 4:00 נאכמיטאג. די דעדליין פאר ניו יארק סיטי קאמיוניטיס אריינצוגעבן זייער אפליקאציעס צו זייער בארא פרעזידענט'ס אפיס איז אקטאבער 31, 2025.

"פון פארנומענע סיטי צענטערן ביז קליינע דארפישע ווילעדזשעס, קומט זיך פאר יעדע קאמיוניטי די געלעגנהייט צו בליען," **האט גאווארנער Hochul (האקול) געזאגט.** "דורך די דאונטאון אויפלעבונג איניציאטיוו און די NY Forward פראגראם, מאכן מיר טראנספארמאטיווע אינוועסטירונגען וואס טוען נישט בלויז פארשטערקערן אונזער לאקאלע עקענאמיעס, נאר טוען אויך שאפן לעבערהאפטיגע, שפאצירבארער דאונטאון'ס וואו די קומעדיגע דורות וועלן קענען וואוינען, ארבעטן און שפילן. מיט די נייע רונדע פון פינאנצירונג, טוען מיר ווייטער בויען אויפן ערפאלג פון די איבער 150 קאמיוניטיס וואס ארבעטן שוין יעצט צו פארווירקליכן זייער וויזיע פון אויפלעבונג."

**ניו יארק סעקרעטערי אוו סטעיט Walter T. Mosley (וואלטער ט. מאסלי) האט געזאגט,** "די דאונטאון אויפלעבונג איניציאטיוו און די NY Forward פראגראם געבן פאר די קאמיוניטיס די געצייג און הילפסמיטלען וואס זיי דארפן פאר צו איבערמאכן זייער צוקונפטן און שאפן א באדייטנדע טויש. דורך צוזאמשטעלן באדייטנדע אינוועסטירונגען מיט קלוגע פלענער דורך די קאמיוניטי און פאר די קאמיוניטי,

טוען די פראגראמען צושטעלן עכטע רעזולטאטן וואס פארבעסערן די לעבנס קוואליטעט פאר איינוואוינער, ציען נייע ביזניסער און שאפן נאך פריוואטע אינוועסטירונג. מיר מוטיגן אלע קאמיוניטיס, נישט קיין חילוק ווי קליין זיי זענען, צו זיך איינגעבן כדי אז מיר זאלן זיי קענען העלפן פארווירקליכן זייער וויזיעס."

אין די סטעיט פיסקעל יאר 2025 איינגעפירטע בודזשעט, האט גאווערנער Hochul (האקול) געמאכט די "פרא-האוזינג קאמיוניטי" דעזיגנאציע א פארלאנג פאר סיטיס, טאונס און ווילעדשעס צו באקומען שטאטישע פארטיילונג פראגראמען, אריינגערעכנט די DRI און NY Forward. באשטעטיגטע לאקאלע רעגירונגען האבן אויסשליסליכע צוטריט צו ביז 750 מיליאן דאלער פון סטעיט פינאנצירונג, אריינגערעכנט א 100 מיליאן דאלאר פרא-האוזינג סופליי פאנד דורך גאווערנער Hochul (האקול) ארויסצוהעלפן מיט קריטישע אינפראסטרוקטור פראיעקטן וואס פעלן זיך אויס צו שאפן נייע האוזינג, אזוי ווי אפפאל און וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען. ווי מען האלט יעצט, זענען איבער 350 מיוניציפילעטיס לענגאויס די סטעיט פרא-האוזינג סערטיפייד.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמיסיאנער Hope Knight (האופ נייט) האט געזאגט,** "די דאונטאון אויפלעבונג איניציאטיוו און NY Forward איניציאטיוון זענען א וויכטיגע טייל פון גאווערנער Hochul’s (האקול) אנגייענדע באמיאונגען צו ווידער-אויפלעבן סיטי און טאון צענטערן איבערן סטעיט. די לעצטע רונדע פון געצילטע אינוועסטירונגען וועלן שטיצן הויכע-קוואליטעט, קאמיוניטי-געפירטע פראיעקטן וועלן בענעפיטירן קליינע ביזניסער, מוטיגן עקענאמישע וואוקס און שאפן מער לעבהאפטיגע דאונטאון’ס וואו מענטשן ווילן וואוינען, ארבעטן, און שפילן פאר נאך אסאך דורות."

**ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג קאמישאנער RuthAnne Visnauskas (רוטען וויסנאסקאס) האט געזאגט,** "איך מוטיג אלע וואס זענען בארעכטיגט, צו זיך איינגעבן פאר די 200 מיליאן דאלער וואס איז אוועילעבל דורך די ניו יארק’ס הויפט עקענאמישע אנטוויקלונג פראגראמען. דורכן אינוועסטירן DRI און NY Forward הילפסמיטלען דירעקט אריין אין קאמיוניטיס וואס האבן געוויזן איבערגעגעבנקייט צו האוזינג און צו באלאנסירטע, דורכגעטראכטע וואוקס, האט גאווערנער Hochul (האקול) געפענט די טיר צו א נייע דור פון אנטוויקלונג וואס וועט דינען די פרא-האוזינג קאמיוניטיס, זייער ביזניסער, הויפט געסער און איינוואוינער פאר אסאך צוקונפטיגע יארן. איך בין שטאלץ פונעם ראלע וואס היימען און קאמיוניטי באנייאונג (Homes and Community Renewal, HCR) שפילט אין די טראנספארמאטיווע פראגראם און איך ווייס אז, צוזאמען מיט אונזער מיטארבעטער, וועלן מיר ארויסהעלפן מער און בעסערע טוישונגען אין סיטיס, טאון’ס און ווילעדזשעס איבערן סטעיט."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארש און אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזידענט און CEO Doreen M. Harris (דארין מ. העריס) האט געזאגט,** "אויפלעבן דאונטאון שטאטישע און דארפישע קאמיוניטיס איבערן סטעיט און א געלעגנהייט צו טראנספארמירן עלטערע געביידעס צו מאדערנע, ענערגיע-פעאיג און באקוועמע מערערע-באנוץ פלעצער און האוזינג. NYSERDA איז שטאלץ צו ביישטייערן צו די וויכטיגע באמיאונגען וואס פארמירן לעבערהאפטיגע, שפאצירבארערע געגנטער אין ניו יארק בשעת’ן אויפהאדעווען געזונטערע לעבנסשטייגערס און אוועקשטעלנדיג א שטארקע פונדעמענט פאר לאנג-טערמיניגע וואוקס."

**שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו**

די דאונטאון אויפלעבונג אינציאטיוו האט זיך אנגעהויבן אין 2016 צו פארשנעלערן און שטארקן די אויפלעבונג פון שטאטישע צענטערן און געגנטער אין אלע צען ראיאנען פון די סטעיט צו דינען אלס צענטערן פון אקטיוויטעט און טרייב קרעפטן פאר מער לאקאלע אינוועסטירונג. אנגעפירט דורך די סטעיט דעפארטמענט (Department of State, DOS), געניסן DRI קאמיוניטיס פון שותפות מיט און געמיינזאמע טעכנישע הילף צוגעשטעלט דורך די האוזינג און קאמיוניטי באנייאונג דעפארטמענט (Department of Housing and Community Renewal, HCR), עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט

און די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) אויטאריטעט (New York State Energy Research & Development Authority, NYSERDA). די DRI איז א פרעצעדענטלאזע און שעפערישע "אומר ועושה" סטראטעגיע וואס שטעלט צוזאם סטראטעגישע פלאנירונג מיט באלדיגע און אנגייענדע אויספירונג. פאר DRI רונדע 9, וועלן געמיינזאמע אפליקאציע פון צוויי אדער דריי דערנעבנדע קאמיוניטיס אינעם זעלבן REDC ראיאן מיט אן איינציגע געמיינזאמע וויזיע ווערן אנגענומען.

ביז היינט, האט שוין DRI געשאנקען א סך הכל פון 900 מיליאן דאלער פאר 91 קאמיוניטיס אין איר ערשטע אכט רונדעס און אינטוועסטירט אין שאפן איבער 4,500 נייע האוזינג יוניטס. עס ווערט אפגעשאצט אז יעדע דאלער אינוועסטירט אינעם DRI ברענגט אריין $3 אין נאך אינוועסטירונגען אין צייט וואס די אויפלעבונג ווערט שנעלער און פראיעקטן ווערן פארענדיגט. דאס אויפטרייבנדע אפעקט וועט פארזעצן לאנג נאך DRI און NY Forward קאמיוניטיס ענדיגן אלע זייערע פראיעקטן.

**NY Forward**

ערשט געמאלדן אלס טייל פון די 2022 בודזשעט, האט גאווערנער Hochul (האקול) אנגעהויבן די NY Forward פראגראם צו בויען אויף די גאנג וואס האט זיך אנגעהויבן דורך די DRI. די שעפערישע פראגראם, וואס באקומט 100 מיליאן דאלער פינאנצירונג אין דאס יאר'ס איינגעפירטע בודזשעט, שטיצט א מער גלייכבארעכטיגטע דאונטאון ערהוילונג פאר ניו יארק'ס קלענערע און דארפישע קאמיוניטיס מיט א פאקוס אויף דערפלעך און ווילעדזשעס. NY Forward איז געמאכט צו סערווירן קלענערע קאמיוניטיס און שטיצן לאקאלע עקאנאמיעס וועלכע האבן אסאך מאל א געפיל און חן וואס איז אנדערש ווי גרעסערע, פארנומענע שטאטישע צענטערן וואס ווערן פינאנצירט דורך DRI. ווי מען האלט יעצט, האט שוין NY Forward געשאנקען א סך הכל פון 300 מיליאן דאלער פאר 60 קאמיוניטיס אין דריי רונדעס.

אזוי ווי DRI, וועט DOS און א באשטימטע קאנסולטענט ארבעטן מיט NY Forward קאמיוניטיס דורך א פלאנירונג און טעכנישע הילף פראצעדור צו אנטוויקלען א רייע פון פראיעקטן גרייט צו ווערן אויסגעפירט. NY Forward איז אביסל אנדערש, אבער, מיט דעם אז עס שטעלט צו איינס-צו-איינס טעכנישע הילף פון קאנסולטענטס צו ארויסהעלפן קאמיוניטיס מיט אנטוויקלען זייער פולע אפליקאציעס און דורכאויס די איינפירונג פראצעדור. NY Forward שלאגט פאר צוויי 4.5 מיליאן געלט טיילונגען פאר יעדע ראיאן. אנערקענענדיג די אייגנארטיגע גאנג און געדעכטקייט פון ניו יארק סיטי געגנטער, ווערט ניו יארק סיטי NY Forward געלטער צוזאמגעלייגט מיט NYC DRI געלטער צו ערלויבן איין 20 מיליאן DRI געלט טיילונג.

די ענליכקייטן און אונטערשיידן צווישן DRI און NY Forward פראגראמען ווערן טיפער געשילדערט אין אן עדיוקעישענאל בראשור, וואס מען קען באקומען אויף דעם DRI און NY Forward וועבזייטלער.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן